# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי
היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

**מרן רביה"ק**
**מסאטמאר זי"ע**

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ה' גליון קס"ד | פנחס - מטו"מ תשפ"ד לפ"ק


עוצו עצה ותופר דברו דבר ולא יקום כי עמנו ק-ל



## די גזירה אין קראפט!

# הונדערטער בחורים שוין ערהאלטן רוף זיך צו שטעלן אין מיליטער!!!

זעט מער דעטאלן אויף זייט 2

**בואו לעזרת ה' בגבורים**

**נייער פארברייטערטער אפטיילונג "מרכז עזרה ויעוץ לעדות המזרח" וועט פארזעצן צו באשיצן בעז"ה ספרד'ישע בחורים וואס באקומען צווי גיוס**

שטורמישע אסיפה היינטיגן מיטוואך פנחס ביים בד"ץ העדה החרדית אינאיינעם מיט פארשטייער פון ספרד'ישע גדולים, און נאך טעלעפאנישע התייעצות מיט כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א, האט דער ביד"ץ קלארגעשטעלט אז די געטרייע שלוחי הבד"ץ פון מרכז עזרה ויעוץ וועלן ווייטער ארויסהעלפן יעדן בחור און יונגערמאן ווי ווייט מעגליך, אפגעזען פון די אומשטענדן

**אין צוגאב צו ספעציעלע אפטיילונג וואס וועט זיך אפגעבן מיט ליובאוויטשער בחורים, נאך הילפס-רופן פון ערליכע ליובאוויטשער רבנים שליט"א**

**זה לעומת זה: מאסיווע פעולות הסברה וועלן ווערן אונטערגענומען אין נאנטע טעג איבער גאנץ אר"י, מדן ועד באר שבע, אפצוהאלטן בחורים און אברכים פון אריינפאלן אין טמא'נע לאפעס ר"ל - בד"ץ העדה החרדית ארבעט אויס פלענער פאר התעוררות קעגן גיוס אין טעג פון ר"ח-ב' אב, ווען עס קומט אויס די ערשטע 'גיוס טעג' אין לשכת הגיוס, און עס געפאלט די צווייטע יארצייט פון כ"ק גאב"ד ירושלים בעל 'שערי טובי' זצ"ל**

# די גזירה אין קראפט!

"מיטב", ניי געגרינדעטער 'גיוס אפיס' ספעציעל פאר חרדים, שיקט ארויס באפעלן פאר הונדערטער בחורים זיך צו קומען שטעלן אין לשכת הגיוס, אן סיי וועלכע וועג צו קענען זיך פטור'ן פון מיליטער דינסט — ערשטע כוואליע פון גיוס באפעלן אין קומענדיגן חודש — וועט ווערן ארויסגעשיקט נאך מינימום 2,000 גיוס באפעלן, און צה"ל וועט פארזעצן צו שיקן ביז ווען זיי וועלן אנפולן [ח"ו היל"ת] זייער געפלאנטע קוואטע פון אריינפאנגען 3,000 חרדים צום טמא'נעם מיליטער — קומענדיגן א'-ב' אב, יולי 5-6 למספרם, וועט זיין צוגעשטעלט ספעציעלע צייטן אין לשכות הגיוס פאר חרדי'שע רעקרוטן


MEITAV

18:43, 21 יולי

מלש"ב יקר, הנך מזומן להשלמת הליכי צו ראשון בלשכת גיוס תל השומר בתאריך ה- 05/08/2024 בשעה 9:00. עליך להתייצב עם תעודת זהות ומסמכים המעידים על מצבך הרפואי. שים לב! עליך להתייצב עם טופס רפואי חתום ע"י רופא המשפחה. את הטופס ניתן לקבל בקישור המצורף. https://go.idf.il/i4l6q0t7p4 לכל שאלה ניתן לפנות למוקד חרדים של מיטב 9779*

שרעקליכער באפעל-מעסעדזש וואס איז אנגעקומען צו הונדערטער בחורים אין לעצטע טעג

## חכמים המה להרע: נייע 'מיטב' אפטיילונג שטעלט צו ספעציעלע 'מענער שעות' אין לשכת הגיוס פאר די בחורי הישיבות, צו געבן כשר'ן חזיר פיסל פאר טמא'נעם מיליטער, כאילו 'מען מאכט חרדיי'שע אפטיילונגען'

פלאן: דורך זיך כאילו 'צושטעלן צו חרדים' אין לשכת הגיוס, וועלן בחורים און יונגעלייט זיך איינרעדן אז מ'גייט צושטעלן 'עכט' חרדיי'שע אפטיילונגען' אין צה"ל

## "דין מסית ומדיח לכל דבר"!


משה ויסברג @moshe_nayes · 1 דק'

בערה החרדית מפרסמים הבוקר דעת תורה נגד הפועלים לגיוס חרדים שומרי תורה ומצוות. "מי שגורם לבחור להתגיים הוא מסית ומדיח"

דעת תורה

כאשר עומד על הפרק גזירת גיוס שומרי תורה ומצוות לצבא, ונודע שיש כאלו וביניהם כאלו הקוראים לעצמם רבנים ומרביצי תורה, הפועלים בגלוי ובסתר לגיוס צעירים שומתומ"צ לצבא באמתלאות ואופנים שונים ומשונים וכאילו במסגרות מיוחדות.

כי כל מי שיש לו יד באיזה צורה שהיא לגרום לבחור או לאברך באיזה מצב שהוא להתגיים, הרי הוא בכלל דין מסית ומדיח לכל דבר, ובכלל מחטיאי הרבים שאין מספיקים בידם לעשות תשובה.

גאר שארפער קול קורא דורך פוסק הדור גאב"ד ירושלים שליט"א ובית דינו הצדק קעגן מסיתים ומדיחים וועלכע זוכן איבערצורעדן חרדים, "באיזה מצב שהוא", צו גיין אין טמא'נעם מיליטער רח"ל

## ליטווישע און ספרדי'שע מנהיגים זענען מפרסם אפיציעלן 'איסור' אויף זיך שטעלן אין לשכת הגיוס

**הגאון רבי דוב לאנדא שליט"א ממנהיגי 'דגל התורה' שרייבט מכתב מיט הוראה פאר "בני הישיבות" זיך נישט צו שטעלן בכלל אין לשכת הגיוס - אויך 'מועצת חכמי התורה' פון ספרדי'שע ש"ס פארטיי, איז מפרסם הוראה נישט זיך צו שטעלן אין לשכת הגיוס און נישט ענטפערן אויף קיין שום רוף פונעם מיליטער (בנוסף צום מכתב דורך פילע ספרדי'שע גדולים וראשי ישיבות, ווי געברענגט אין לעצטן גליון) - אויך האדמו"ר מצאנז-ארה"ק שליט"א רופט אויס איסור התייצבות - רוב מנהיגים לאזן ליידער פארנעפלט די פראגע בנוגע שוואכערע בחורים וואס לערנען נישט א גאנצן טאג אין ישיבה, ווי כאילו זייערע נשמות זענען הפקר פאר די ציוני'סטישע 'כאפערס' ר"ל**

**שאנדע ווען אגודי'סטישער מועצת און רבי'ס געבן הסכמה בשתיקה פאר זייערע חסידים זיך צו שטעלן ביים 'צו ראשון' צום לשכת הגיוס** (מעגליך צוליב פאליטישע חשבונות, ואכמ"ל)

גבא דמלכא

# פוסק הדור מרן גאב"ד ירושלים שליט"א בדב"ק אין ישיבת 'אור אלחנן' לרגל דריי און אכציגסטע הילולא פון הגה"ק רבי אלחנן וואסערמאן הי"ד – רב שליט"א איז פון לעצטע בדורינו וועלכער האט נאך זוכה געווען פערזענליך צו מקבל זיין ממשנתו הטהורה פונעם גרויסן גדול

**דערביי האט דער רב שליט"א זיך באצויגן צום שרעקליכן גזירת הגיוס: "די רשעים האבן גוזר געווען א גזירת גיוס אויף די בני הישיבות, און זיי האבן שוין אנגעהויבן שיקן בריוון פאר די בחורי הישיבות צו קומען אין זייער מיליטער. זיי זענען ערגער ווי אלע פעלקער, אפילו ביי די גוים אין חוץ לארץ גיט מען 'דעמאקראטיע' און רעליגיע פרייהייט, און דא האלטן זיי מלחמה אונז נישט צו לאזן היטן אויף די הייליגע תורה"...**



# מחזה הוד ביי פארהער דורכן רב שליט"א אויף כל הש"ס כולו פאר אברכי "כולל ש"ס אידן"

**מנצחין זה את זה בהלכה: שר התורה שליט"א פרעגט און די ש"ס תלמידי חכמים ענטפערן, דורכלויפנדיג פאר לאנגע מינוטן צענדליגער פון די שווערסטע סוגיות הש"ס מיט בהירות נפלאה**



# האברך ר' ישראל אשר ראטמאן הי"ו באפרייט נאכן שמאכטן א האלב יאר אין ציוני'סטישע טורמע

ארעסטירט געווארן מיט א האלב יאר צוריק ווען מען האט אויף אים ארויפגעלייגט חשדות אויף וואנדאליזם ביי פראטעסטן קעגן געשעפטן וועלכע פארקויפן טריפה'נע טעלעפאנען קעגן פסק הביד"ץ - נאך וואס די חברי ביד"ץ העדה החרדית שליט"א האבן געהערט פון דעם שווערן מצב, האבן זיי באאויפטראגט שלוחם הנאמן הרב ר' שמעון שישא שליט"א זיך ארייננצולייגן בעובי הקורה פאר זיין באפרייאונג, ווען צווישן די פעולות, האט מען דאן ב"ה באוויזן אים צו אריבערפירן צו א חרד'ישער אפטיילונג אין טורמע - צו די זעלבע צייט האט מען אומערמידליך געארבעט אויף א שנעלע באפרייאונג, ספעציעל לרגל יו"ט פסח ווען מען האט געהאפט ער זאל קענען זיין אינדערהיים כאטש אויף ליל התקדש החג, אבער ליידער הרשעים כים נגרש, און מען האט דאס נישט געקענט דורכפירן - אין לעצטע וואכן האט ר' שמעון גאר אקטיוו געארבעט מיט ספעציעל אויסגעארבעטע מהלכים, ביז ווען ער איז איבערראשנד באפרייט געווארן פארלאפענעם זונטאג בלק, לשמחת לב בני משפחתו וכל מכיריו - שליחי בי"ד אינן ניזוקין...

## הצלה מגיוס אין קורצן

**צוויי יונגעלייט זענען ארעסטירט געווארן** אין לופט פעלד און גענומען געווארן אין טורמע, נאך שטארקע פעולות פון די מצילי המרכז, זענען זיי ב"ה פריי-געלאזט געווארן, אבער דער 'פראסעקיוטער' האט **פארלאנגט א יאר טורמע** רח"ל! נאך וואס זיי זענען משתמטים שוין צען יאר - נאך א גרויסע ארבעט וואס איז ארייגעלייגט געווארן, האבן **ביידע יונגעלייט ערהאלטן זייער פטור די פארלאפענע וואך**, אן סיי וועלכער עונש.

ואגב, פארציילט דער חשוב'ער מציל המרכז פון אלעד הרב יעקב וויינבערג איבער וואס מען האט מיטגעהאלטן בשעת'ןווארטן אויפן משפט, וואו מען האט געטראפן א צאל חרדים וועלכע זענען רח"ל געפאלן פארן מיליטער און זיך רעקרוטירט, און זיי האבן פארציילט ווי **מען גיבט זיי אין ראמען פונעם מיליטער די ביליגסטע סארט שמוציגע ארבעט און מען דערנידערט זיי גאר שטארק**, און אויב וואלטן זיי געוואוסט אז עס איז דא א וועג זיך צו באפרייען דערפון, וואלטן זיי געקומען צום אפיס צו נעמען הילף, און נישט אנגעקומען צו וואו זיי זענען נעבעך אנגעקומען

מרכז עזרה ויעוץ
להצלת בחורי ישראל מצבא השמד ומכלא הציוני
מטעם הנהלת העדה החרדית

**דער גזירת הגיוס איז דא, און דער מרכז אפיס איז פול פון ברעג צו ברעג...** - שווערע הונדערטער בחורים באלאגערן די מרכז אפיסעס נאכט נאך נאכט, האפנדיג צו קענען זיך מסדר זיין אינעם יעצטיגן שווערן זמן, און **די געטרייע מצילי המרכז לויפן ארום פון איינעם צום צווייטן** זוכנדיג ארויסצוהעלפן אלע באזארגטע בחורים ווי ווייט מעגליך, ולד' הישועה




**אוי ואבוי: באגריסונג פאר חסיד'ישער יונגערמאן פון חיפה וועלכער האט ר"ל זיך אנגעשלאסן אין מיליטער און באקומען 'אויסצייכענונג' אלס 'קצין', ד' ירחם**

נטרונא באריכטעט:

# ניו יארקער קאנגרעסמאן פארלירט 'פריימערי' פארמעסט נאך מולטי-מיליאן דאלארדיגע עיפאק אינטערווענץ

געפארפולע אנטוויקלונג, ווען ציוני'סטישע 'עיפאק' גרופע האט אריינגעגאסן אריבער 15 מיליאן דאלאר צו ארויסשטויסן פון פאזיציע ליבעראלן ניו יארקער קאנגרעסמאן 'דזשאמאל באומען' - געקומען אלס נקמה נאכן זיין באקאנט אלס שארפער קריטיקירער קעגן מדינת ישראל - נאכן פארלירן די וואלן האט ער אין זיין אפטריט רעדע פארפירט אז 'עיפאק' האט געשפענדעט מיליאנען דאלארן אים ארויסצושטויסן, וואס האט ווידער געברענגט צום אויבערפלאך אז די ציונים מישן זיך אריין אין די לאקאלע אמעריקאנער וואלן, וואס תוצאותיו מי ישורנה, ה"י

# "מרכז" אפיסעס איבערגעפולט יומם ולילה אין איצטיגע שווערע טעג מיט הונדערטער וועלכע זוכן הילף אינמיטן ברען פון גזירת הגיוס



▲ לאנגע רייען פון אלע שיכטן און קרייזן האלטן "מרכז מצילים" פארנומען יומם ולילה ממש

# שוידערליך: געמיינער 'משתף פעולה' ווינט צו די פרייע, "ענקער גיוס גזירה פארטרייבט די חרדים פון גיוס"

שרעקליכער אויפדעקונג אין פרייער 'ידיעות אחרונות' צייטונג, איבער **חסידישער יונגערמאן** וועלכער ארבעט אקטיוו פון הונטער די קוליסן צו אויפשטעלן א.ג. 'פרומע ישיבות' **וואו מען גרייט אן די פארכאפטע בחורים און יונגעלייט צו דינען אין טמאנעם מיליטער,** רחמנא לצלן!


24 שעות | ידיעות אחרונות | 19.7.2024
24 שעות
המלצות
"מה שעושה היום המערכת יביא להרחקה של החרדים מהגיוס"
בישיבות ההסדר החרדיות של הרב יונתן רייס, חסיד בעלז, מכינים את הצעירים לשירות הצבאי בלי לוותר על לימוד תורה: "אין דרך להביא אותם בכפייה, רק דרך חינוך, הכנה וליווי. גם אם תביא אותם בצו לבקו"ם, בלי מוטיבציה זה לא יעבוד. יש לי גיבוי מוחלט, גם אם בשתיקה, מכל גדולי ישראל"
שילה פריד | צילום: עמית שאבי


ברכת מזלא טבא

אל מול פני העסקן הנמרץ
הבה"ח **שמעון דוב פערל** נ"י
עסקן נמרץ לטובת מרכז עזרה ויעוץ

**לרגל אירוסיו**
למז"ט בשטומ"צ

יה"ר שאך טוב וחסד ירדפהו כל ימי חייו,
ויזכה להמשיך בפעולותיהם הברוכות
ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא

**זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי**

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א
רופט דעם עסקן המרכז באה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן
אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com